# גרינדונגס־מגילה פון בית־ראזשישטש

מיר, די אונטן אונטערגעשריבענע ראזשישטשער לאנדסלייט, וואס לעבן אין ישראל און די פארשטייער פון די, וואס וווינען אין קאנאדע, פאראייניקטע שטאטן, בראזיל, ארגענטינע און אנדערע לענדער, האבן זיך פארזאמלט היינטיקן אוונט, כדי צו גרינדן דעם בית־ראזשישטש.

שוין אריבער 18 יאר זינט ס׳זענען אכזריותדיק אומגעבראכט געווארן 8 טויזנט יידן פון ראזשישטש און אומגעגנט, דורך די בארבארישע נאציס און אוקראינער — און אויף דער גאנצער גרויסער וועלט איז נישטא קיין צייכן פאר זייערן הייליקן אנדענק.

היינט, מוצאי־שבת, דעם 11.3.1961, אין דעם בר־מצוה־יאר פון מדינת־ישראל, באנייען מיר דעם בית־ראזשישטש און מיר ווידמען אים דעם אנדענק פון די קדושים, וואס זענען אומגעקומען צוזאמען מיט די 6 מיליאן יידן פון אייראפע.



הדלקת נר־יזכור באזכרה לקדושי העיר

דער בית־ראזשישטש וועט זיין א מאנומענט און וועט דינען פאר אונדזערע לאנדסלייט א צענטער פאר געזעלשאפטלעכע צוזאמענטרעפן, אזכרות א.א.וו.

דא וועלן פארשריבן ווערן די נעמען פון די קדושים אין אן אנדענק־בוך און ס׳וועט געשאפן ווערן א מוזעאום, אין וועלכן ס׳וועלן געהיטן ווערן היסטארישע דאקומענטן פון דער חרובער קהילה.

אויך וועט אין בית־ראזשישטש געפירט ווערן אן אלגעמיינע, קולטורעלע טעטיקייט פאר דערוואקסענע און יוגנט: פארלעזונגען, אויסשטעלונגען, צוזאמענטרעפן א.א.וו.

ס׳וועט אויפגעשטעלט ווערן אן אלגעמיינע ביבליאטעק מיט א ספעציעלער אפטיילונג פאר דער ליטעראטור, וואס באשרייבט דאס לעבן און אומקום פון די יידן אין פוילן און אין גאנץ אייראפע.

מיר, די פארשטייער פון אונדזערע לאנדסלייט אין אויסלאנד, וועלן אויך ווייטער העלפן אויסשטאטן דעם בית־ראזשישטש און דער ישראל־קאמיטעט וועט זארגן ער זאל געפירט ווערן בכבודיק און זאל ווירדיק טראגן זיין נאמען.

דער בית־ראזשישטש דארף זיין א דענקמאל, וואס וועט נישט לאזן פארגעסן דעם שרעקלעכן אומגליק פון אונדזער צייט און דארף אונדז דערמאנען דעם הייליקן געבאט:

לא אמות — כי אחיה!!!

תל־אביב, מוצ״ש כ״ב באדר תשכ״א, 11.3.1961.